Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 288 | Łódź, Poniedziałek, 12 grudnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, יג כסלו תרצ"ג | № 288

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# וואהלען פון א נייעם מלוכה-פרעזידענט
## וועלען פארקומען ענדע מאי 1933
# וויטאס רופט צו א שארפע אפאזיציע

וו א ר ש א, 11 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). די וואהלען פון א נייעם מלוכה-פרעזידענט אין פוילען וועלען פארקומען ענדע מאי 1933.

אין די פאליטישע קרייזען הערשט די איבערצייגונג, אז ביז'ן דערמאהנטען טערמין וועלען נישט דורכגעפיהרט ווערען קיין ענדערונגען אין דער קאנסטיטוציע. אזוי אז דער נייער מלוכה-פרעזידענט וועט געוועהלט ווערען לויט די בין־איצטיגע פארשריפטען.

## פרעמיער פריסטאר — קאנדידאט אויף מלוכה-פרעזידענט

וו א ר ש א, 11 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). מ'גיט איבער אין די פאליטישע קרייזען, אז די סאנאטארען וועלען צו די וואהלען אויף מלוכה-פרעזידענט אויפשטעלען די קאנדידאטור פון דעם פרעמיער פריסטאר.

## מאקדאנאלד, באנקור און נויראט
### זענען ארויסגעפאהרען פון גענף

ג ע נ ף, 11 (ספ. טעל.)

דער מיניסטער נויראט איז היינט ארויסגעפאהרען קיין בערלין.

אין אווענד זענען ארויסגעפאהרען מאקדאנאלד און פאל באנקור.

## גראף בראקוויל, פרעמיער פון בעלגיען



צו זיין פארשטעהענדיגער דימיסיע.

# צו א שארפער אפאזיציע געגען דער רעגירונג
## רופט וויטאס אויפ'ן צוזאמענפאהר פון דער פויערים-פארטיי

וו א ר ש א, 11 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). היינט, אין דעם 2-טען טאג פון דעם צוזאמענפאהר פון דער פויערים-פארטיי, האט געהאלטען א רעדע דער פרעזעס וויטאס.

ער האט שארף קריטיקירט דעם איצטיגען רעגירונגס-רעזשים אין פוילען, און דערביי געזאגט, אז דער איינציגער עלעמענט, וואס קען זיך אקעגענשטעלען דעם איצטיגען רעזשים — דאס זענען די פויערים.

מ'דארף פערשאפען — האט ער דערקלערט — די אפאזיציע געגען דער רעגירונג, סיי אין סיים, און סיי אויסער'ן סיים.

וועגען דער ווירטשאפטליכער לאגע האט געהאלטען א רעפעראט דער דעפ. מאליניאווסקי.

וועגען ארויסטרעטען פון סיים איז אויפ'ן צוזאמענפאהר ספעציעל נישט גערעדט געווארען.

ס'איז בלויז בעשלאסען געווארען צו געבען דעם פארלאמענטארישען קלוב פון דער פויערים-פארטיי פרייע הענד ביים פערשטענדיגען זיך מיט די לינקע.

אויך וועגען צוזאמענגעהן בײ די פריצים ווייד אהן ענטשעדיגונג איז אויפ'ן צוזאמענפאהר נישט גערעדט געווארען.

דאגעגען האט מען גערעדט וועגען שלום און ענטוואפנונג, און דערביי איז אין א רייהע רעדעס אנגעוויזען געווארען, אז דער פויער איז דער איינציגער עלעמענט, וואס איז בלוטיג-פעראינטערעסירט אין שלום ישליה.

# די פלענאר-פערזאמלונג פון דער פעלקער-ליגע



ביים בעטראכטען די מאנדזשורישע פראגע

# א קאטאסטראפע אין א קוילען-גרובען

ב י ו - י א ר ק, 11 (ספ. טעל.).

אין די קוילען-גרובען, האילאן, אין דעם שטאט קענטאקי, איז געשעהן א קאטאסטראפע.

4 טויטע קערפערס פון בערגארבייטער האט מען שוין ארויסגעצויגען.

18 פערזאנען באך

# א פראטעסט-בריף צום אינערן-מיניסטער
## וועגען די יודען, וואס זענען געשלאגען געווארען אין צוג: ווארשא—וואלאמין

וו א ר ש א, 11 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). דער קלוב פון די יודישע סיים-דעפוטאטען האט אריינגעטראגען צום אינערן מיניסטער א בריף וועגען די אנפאלען אויף יודען אין דעם צוג: ווארשא—וואלאמין.

אין דעם דאזיגען בריף זענען אויסגערעכענט אלע נעמען פון די פערוואונדעטע און עס ווערט אין איהם געפאדערט צו בעשטראפען די שולדיגע.

Lekarz-Dentysta

M·Kaniewska

Zawadzka 6

נעהמט אן פון 10—1 מיטאג און פון 3—7 אוונד.

Dr. med. J. SCHORR

פון IWONICZ

ספעציאליסט

פאר הארץ און סקלעראזא-קראנקהייטען

וואוינט יעצט אין לאדז

גדאנסקא 11, טעל. 226-85

נעמט אן טעגליך פון 4—6 נאכמיטאג.

9879

רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס

ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער

אויף אנציגער און פאלטענס

ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-

שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געדענקט נאר

אין פראנט, II שטאק

Dr. Wajnberg

ספעצ. פון הארץ-און לונגען-קראנקהייטען

ציגעל-גאס 11, טעל. 126 02

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אוונד

נעכטען, זונטאג, י"ב כסלו תרפ"ג (11/XII) איז נאך לאנגע און שווערע ליידען געשטארבען און דעמזע לבען טאג צו קבורה געקומען

מיין טייערע פרוי, אונזער הייסגעליבטע מוטער, שוועסטער, טאנטע, שוויגערמוטער און גרויסמוטער

## ב"ע ביילה לאה אשת ר' ישראל מאיר נ"י סטריקאווסקי

### אין עלטער פון 69 יאהר.

די לוי' איז פארגעקומען פון טרויער-הויז, פעטריקאווער 35, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

### די אין טיפען טרויער פערבליבענע פאמיליע.

5234

